# נַקְדִּישָׁךְ

## די אומשאצבארע סגולה און די געוואלדיגע מעלה פון נישט רעדן ביים דאווענען

גליון א׳

## איבערגעגעבן מיין בקשה

אין ליכט פון די פארשידענע סיפורים וואס זענען געדרוקט געווארן וועגן גרויסע ישועות וואס אידן האבן געזען דורך נישט רעדן ביים דאווענען, און פיל ווייסן וועגן די סגולות אז ווען מען רעדט נישט "פון אדון עולם ביז אדון עולם" פעלט נישט קיין פרנסה "פון אדון עולם ביז אדון עולם", דהיינו, פון איין ראש השנה ביז'ן צווייטן ראש השנה,- וויל איך פארעפנטליכן די פאלגנדע דערציילונג.

**הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א דערציילט:**

אפאר יאר צוריק, ווען מען האט געעפנט אין לאנדאן א כולל לז"נ פונעם שאצער רב זצ"ל, איז מען געקומען צו א געוויסן גביר און מען האט אנגעהויבן אים דערציילן ווער דער שאצער רב איז געווען און אז מען וויל עפענען א כולל לשמו ולזכרו.

הערנדיג פון וואס מען רעדט, האט דער גביר זיי איבערגעהאקט און געזאגט אז מען דארף אים נישט דערציילן ווער דער שאצער רב איז געווען און די גרויסע ישועות וואס מען זעט אין זיין זכות, ווייל ער האט זיך שוין אליין איבערצייגט דערין. און ער האט אנגעהויבן דערציילן:

עס איז באקאנט אז נאך די טרויעריגע געשעענישן פון די יארן ת"ח ות"ט, ווען אידן זענען ל"ע אומגעברענגט געווארן מיט מיתות משונות, האט דער בעל תוספות יו"ט זצ"ל אנגעפרעגט אין הימל פארוואס די שווערע צרות זענען געקומען אויף כלל ישראל, און דער ענטפער איז געווען אז דאס אלעס איז געקומען צוליב דעם וואס מען האט מזלזל געווען אין קדושת בית המדרש און מען האט גערעדט ביים דאווענען, וואס דורך דעם איז ליידער נתהפך געווארן דאס ווארט "דבר" אויף "דֶבֶר", וואס דאס הייסט א מארד, חלילה, און עס זענען ליידער נגזר געווארן רציחות אויף אידן.

דער תוספות יו"ט האט דעמאלט געמאכט א מי שברך פאר די אלע אידן וואס רעדן נישט ביים דאווענען. האט דער גביר דערציילט: "אין דעם בית המדרש וואו איך דאוון, זאגט מען יעדע וואך דעם מי שברך פונעם תוספות יו"ט פאר אלע אידן וואס רעדן נישט ביים דאווענען, אבער ליידער בין איך דער איינציגסטער אויף וועם דער מי שברך קען חל זיין ווייל ביי אונז אין בית המדרש איז דא א שוואכער ציבור און מען רעדט ביים דאווענען און איך בין דער איינציגסטער וואס האלט זיך איין פון רעדן.

"עס איז שוין א לאנגע צייט," האט דער גביר פארגעזעצט, "וואס עס טוט מיר זייער וויי דאס הארץ, וויבאלד איך האב אן עלטערן בחור וואס עס גייען אים נישט קיין שידוכים. וויפיל מיר פרובירן נאר, פילט מען ממש אז מען טאפט א וואנט, און יעדער שידוך וואס מען רעדט ווערט צום סוף אויס. האט עס מיר זייער געשטערט, וואס איך בין דער איינציגסטער אין דעם בית המדרש וואס שמועסט נישט ביים דאווענען און דער איינציגסטער אויף וועם דער מי שברך קען חל זיין, און אויב אזוי פארוואס זע איך נישט אז דער מי שברך זאל מקויים ווערן, און איך זאל שוין זען א ישועה מיט מיין זון, דער בעל תוספות יו"ט זאל זיך משתדל זיין אין הימל אז איך זאל טרעפן א שידוך און האבן נחת פון מיין קינד.

"עס האט זיך מיר שוין עטליכע מאל געגלוסט צו גיין צום ציון פונעם תוספות יו"ט און זיך אויסוויינען דארט מיין שווער הארץ, אבער וויבאלד ער ליגט אין קראקא און עס קומט מיר נישט אויס אנצוקומען אהין, האב איך באשלאסן אז אזוי ווי אידן ווערן געהאלפן דא אין לאנדאן ביים ציון פון שאצער רב, וועל איך גיין זיך אויסוויינען אז דער צדיק זאל זיך מיען פאר מיר אין הימל און איבערגעבן מיין טענה ווייטער צום תוספות יו"ט. און אזוי האב איך געטון.

פרייטאג נאכמיטאג (וואס דאן קומען אסאך מענטשן צום ציון) בין איך אריבער צום שאצער ציון און זיך גוט אויסגעוויינט און געבעטן אז בזכות וואס איך בין נזהר נישט צו רעדן ביים דאווענען זאל איך זוכה זיין צו זען ווי די ברכות פונעם תוספות יום טוב ווערן מקויים און טרעפן א שידוך פאר מיין קינד.

"דערנאך בין איך אהיימגעגאנגען, און א פאר מינוט נאכדעם וואס איך בין אריינגעקומען אין שטוב, האט געקלונגען דער טעלעפאן, און א שדכן איז שוין ווידער געווען אויפ'ן טעלפאן (נאכדעם וואס יעדער האט שוין פון לאנג געהאט פארגעסן מיין טעלעפאן-נומער) און אנגעטראגן א געוויסן שידוך פאר מיין זון. איך האב געהערט דעם פארשלאג וואס האט אויסגעזען צו זיין א חשוב'ער שידוך און געענטפערט אז מוצאי שבת וועל איך זיך נאכפרעגן מער אינפארמאציע וועגן דעם שידוך. פאר'ן אראפלייגן דעם טעלעפאן, האט דער שדכן געזאגט אז ער וויל אגב צוגעבן אז דאס מיידל איז א מיוחסת, אן אייניקל פונעם תוספות יו"ט.

"מוצאי שבת האב איך אנגערופן דעם מנהל פונעם סעמינאר וואו דאס מיידל האט געלערנט און באקומען וועגן איר גאר גוטע אינפארמאציע. ביים סוף פונעם שמועס, האט מיר דער מנהל געזאגט די זעלבע ווערטער, 'אגב וויל איך דיר זאגן אז דאס מיידל איז א מיוחסת, אן אייניקל פונעם תוספות יו"ט.' צום צווייטן מאל האב איך יעצט געהערט ביי די ווערטער אז מען וויל מיר ווייזן פון הימל אז דער תוספות יו"ט טוט זיך מיען פאר מיר.

"דער סוף איז געווען אז דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת, און איך האב ב"ה גאר אסאך נחת פון דעם פארפאלק. איך האב דערין געזען דעם כח פונעם שאצער רב זצ"ל, וועלכער האט ווי עס זעט אויס, איבערגעגעבן מיין בקשה צום תוספות יו"ט אין הימל, און אין זכות פון זיך היטן פון רעדן ביים דאווענען האב איך טאקע זוכה געווען צו אסאך נחת, בני, חיי ומזוני."

## אהיימגעפארן א געזונטער

דערציילט ר' יוסף חיים ווייטער: "פאר צוויי יאר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו פארן צוזאמען מיט א גרופע אידן צו די מקומות הקדושים און מיר זענען אויך געפארן צום הייליגן ציון פונעם תוספות יו"ט, און איך האב דארט דערציילט די מעשה. באלד נאכדעם, נאך זייענדיג ביים ציון, האט איינער פון די אידן וועלכע האבן זיך משתתף געווען ביי דער נסיעה באקומען א נירן- אטאקע, און ער האט אנגעהויבן זיך ווארפן פאר יסורים און נישט געקענט קומען צו זיך. די צרה איז געווען א דאפלטע, ווייל ער האט נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן, נישט זייענדיג באקאנט דארט מיט די שפיטעלער. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון און ווי אזוי בארואיגן זיינע אומדערטרעגליכע יסורים.

האט דער אויבערשטער אים חונן דעת געווען און ער האט זיך צוגעבויגן צום ציון און געזאגט אז ער נעמט זיך פאר אז ער וועט אויך נישט רעדן מער ביים דאווענען און אין דעם זכות זאל ער האבן א רפואה שלימה. ווי-נאר ער האט דאס געזאגט האט ער געשפירט ווי עס ווערט אים לייכטער. ער איז ארויס אין בית-הכסא און עס זענען ארויסגעקומען פון אים זיבעצן שטיינער, און זיינע יסורים האבן זיך איינגעשטילט.

"נאטירליך, האט זיך די מעשה גאר שנעל פארשפרייט. דער איד איז אהיימגעפארן מיט אונז אויפ'ן עראפלאן ווי א געזונטער מענטש, און אסאך אידן האבן זיך דעמאלט מקבל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אין דעם זכות האבן זיי ווייטער געזען ישועות ונפלאות למעלה מדרך הטבע."

(ר' מרדכי יחזקאל פרידמאן - גליון הליכות החיים, גליון קס"א)

